**הלכות איסורי ביאה — דיני סריס, שתי שערות, ומקום השערות**

**הלכה: סריס חמה און סריס אדם**

**ר' יצחק:** וואס איז דא? מסורס? איך ווייס נישט. סריסים און סורס, יא, לכאורה. סריס איז ווען ס'איז א סמ"ך. סורסים. סורסים וואלט איך געזאגט, יא.

**ר' יואל אשר:** סורס אפשר. **וסריס זה הוא הנקרא סריס חמה בכל מקום.**

**ר' יצחק:** יא, סורס הייסט סריס חמה, ווייל סריס איז ווען ס'איז א סמ"ך.

**ר' יואל אשר:** ס'איז אויך דא אזא זאך ווי א סורס.

**ר' יצחק:** וואס מ'מאכט אים פאר א סורס. ער גייט שוין זאגן. דאס הייסט, דאס הייסט סריס חמה.

**ר' יואל אשר:** חמה מיינט נאטור, אז די בריאה האט אים געמאכט פאר א סריס, נישט עפעס א געוויסע מענטש, א רשע האט אים געמאכט פאר א סריס.

**פירוש "חמה" — נאטור אדער מחלה**

**ר' יצחק:** ער ברענגט אז דער רמב"ם פירשט אין פירוש המשניות, "משראה פני חמה" איז שוין געווען אזוי, דאס הייסט נאטור, ער איז שוין געבוירן. אן אינטערעסאנטע לשון פון חמה.

ער ברענגט טאקע אנדערע טייטשן אז חמה מיינט אפשר א מחלה, היץ, קומען פון היץ אפשר. אבער ס'איז דא אין דעם א מחלוקת, ווייל פשטות איז משמע אז אויב ס'קומט פון א מחלה הייסט עס אויך סריס אדם. סריס חמה איז דוקא ווען מ'איז ממש געבוירן אזוי.

**ר' יואל אשר:** ווען ס'איז אינגאנצן נאטור.

**סריס אדם — ווען מענטשן האבן אינטערווענירט**

**ר' יואל אשר: אבל הבן שחתכו או ניתקו או מיעכו גידו או ביציו,** מ'האט אים געצווינגען אז ס'זאל נישט וואקסן זיינע מענערישע חלקים, **כמו שהגויים עושין.**

**ר' יצחק:** אזוי ווי גוים טוען.

**ר' יואל אשר:** איך מיין, די גוים מיינט ער אפשר אזוי ווי סריסי המלך שלמה, יא? וואס אן עבד נעמט מען אראפ זיינע... ער זאל נישט מאכן קיין פראבלעמען, ער זאל נישט האבן קיין תאוות, מ'איז מסרס.

**ר' יצחק:** ס'איז דא אן איסור, יא? ס'איז דא אן איסור אין די תורה, "ובארצכם לא תעשו", איז נשמע פון דעם אז ס'איז דא וואס טוען דאס דוקא יא. ס'איז געווען עפעס א משוגעת וואס מ'האט געטון כדי מ'זאל קענען זינגען שיין. אדער אזוי ווי דו זאגסט,

**ר' יואל אשר:** פאר די... מ'מאכט זיין גוט, ווען מ'ווייסט אז מ'גייט האבן א השפעה אויף די זינגער.

**ר' יצחק:** יא, ווייל מ'קען סטאפן פובערטי דורך ארומשניידן זאכן.

**ר' יואל אשר:** ווי ס'זעט אויס.

**ר' יצחק:** היינט טוט מען עס פאר אנדערע פאני מינות. בקיצור, ס'איז אלע מיני ריזענס. יא, אז מ'סטאפט עס, דעמאלטס טוישט זיך נישט די קול, דעמאלטס בלייבט די קינדערישע קול, איז דאס היינט שענער. אדער אזוי ווי דו זאגסט, פאר די מלך האט מורא געהאט.

בקיצור, דער הייסט נישט סריס חמה, נאר סריס אדם, און ער דארף נישט ווארטן. דער סריס אדם,

**דער חילוק למעשה — סריס אדם דארף נישט ווארטן**

**ר' יואל אשר:** ווען ער ווערט דרייצן און איין טאג, נקרא גדול, ווייל אונז ווייסן אז ער גייט קיינמאל נישט ברענגען קיין סימנים. מ'האט געסטאפט, ס'איז געווען אינטערווענשן, מ'האט געסטאפט פון אים מאכן. סאו אונז ווייסן אונז אז די סיבה פארוואס ער האט נישט געברענגט קיין שערות איז ווייל...

**ר' יצחק:** סאו לכאורה האסטו נישט קיין ספק. קיין סריס חמה איז נישט קלאר, קיין ווייסט, ס'איז שווער צו וויסן אלעמאל. אבער ביי סריס אדם ווייסט מען אלעמאל גלייך.

**הלכה: סימנים שלמעלה ביי א זכר**

**ר' יואל אשר:** ס'איז דא גלייך וואס איז תולה צו זיין. זאגט דער רמב"ם ווייטער: **בן שלש עשרה שנה ויום אחד שלא הביא סימן שלמטה. וואס טוט זיך א בן שלש עשרה שנים וואס האט נישט געברענגט קיין איינע פון די סימנים שלמטה, אבער נראו בו כל הסימנין שלמעלה** וואס איז יא דא רוטליכע האר אין זיין בארד, **הרי זה ספק בין קטן לגדול.**

**דיסקוסיע: סימנים עליונים ביי מענער — דער רמב"ם און דער ראב"ד**

**ר' יצחק:** דאס איז ענליך צו וואס די רמב"ם, ס'איז נישט די זעלבע זאך וואס די רמב"ם זאגט פאר פרויען. די ראב"ד דינגט זיך, די ראב"ד אויף דעם זאגט אז דאס איז א שטר פרוח, ווייל ביי א פרוי איז דא אזא זאך סימן העליון. די ראב"ד זאגט אז ס'איז נישט קיין מקור אז א מאן זאל האבן אזא זאך ווי א סימן העליון. די ראב"ד האלט אז נאר פרויען האבן סימנים עליונים, מענער האבן נאר סימן תחתון. די רמב"ם האלט אנדערש.

**חזקת גדול ווען מ'זעט א בארד**

**ר' יואל אשר:** ניין, **ואם לא נבדק מלמטה,** אויב מ'האט נישט בודק געווען פאר שתי שערות און פאר די אנדערע סימנים שלמטה, **כיון שנראו בו סימני בגרות מלמעלה,** מ'זעט...

**ר' יצחק:** ער האט א בארד, בעיסיקלי.

**ר' יואל אשר:** מ'רעדט נישט בודק געווען, אבער מ'זעט יא א בארד, **הרי זה בחזקת גדול.** אזא חזקה אזוי ווי מ'זעט האר ביי די בארד, איז מסתמא אויך דא סימני גדלות שלמטה.

**ר' יצחק:** אקעי. זייער גוט.

**הלכה ג: שיעור שתי שערות**

**ר' יצחק:** יעצט קען מען לערנען, וואס זענען די שתי שערות? וואס איז די השפעות?

**ר' יואל אשר:** פיצי שערות? פון ווען הייסט עס שתי שערות? זאגט דער רמב"ם, **שתי שערות האמורות בבן ובבת ובכל מקום,** סיי וואו ס'שטייט שתי שערות, ס'שטייט שוין בכל מקום. וואו נאך שטייט שתי שערות ווייס איך נישט. איך מיין אז ס'איז דאך

**ר' יצחק:** נישט די ענין הצלת שבת, יא? ניין, סתם נישט. אפשר לערנען און מאכן פאות? קען עס אנקומען.

**דער שיעור: לכוף ראשן לעיקרן**

**ר' יואל אשר: שיעורן, וואס איז די שיעור כדי לכוף ראשן לעיקרן?** אז מ'קען עס איבערבייגן. אז די ענד פון די פאה זאל טאטשן די אנפאנג פון די האר. אויב ס'איז זייער קליין קען מען עס נישט איבערבייגן, און ס'איז נאך נישט געגוג אז ס'זאל הייסן שתי שערות.

**ר' יצחק:** ער זאגט אז צוויי שערות שטייט אויך ביי פרה אדומה, ביי נגעים, ביי נזיר. ס'איז דא פלעצער וואס ארויפגעבן אין הלכות שערות. יא.

**שיעור קלענער: להינטל בפי הזוג**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, **ומשיצמחו,** פון ווען די צוויי שערות וואקסט, **ויהיו יכולות להינטל בפי הזוג,** מ'קען זיי אפשערן מיט א שערל.

**ר' יצחק:** יא. **עד שיגיעו לכוף ראשן לעיקרן.** הייסט צווישנס איז דא א שיעור קלענער. די שיעור פאר לכוף ראשן לעיקרן הייסט שינטל בפי הזוג, דאס הייסט מ'קען עס נישט מיט די הענט אפשר לכאורה צוזאמנעמען, אבער מ'קען יא מיט א שערל קען מען עס געבן א שנייד.

**ר' יואל אשר:** ס'טייטש גאר קליינע האר, למשל אויב מ'נוצט א שער מאשין איז אן אמצעי, אבער נארמאלערהייט דארף זיין א דבר ממשי צו קענען עס צו שניידן מיט א זוג. ניין, א זוג איז נישט קיין רעיזאר, א זוג איז א שערל, איז א דאבל, זוג מיינט צוויי, צוויי שערלעך. ס'דארף זיין געגוג גרויס אז מ'זאל קענען אריינכאפן צווישן די...

**ר' יצחק:** אנדערש דארף מען נוצן א גילוח מסיר.

**ר' יואל אשר:** איז דעמאלטס איז די שאלה צו ס'איז טאקע געווג גרויס לכוף ראשן לעיקרן. אבער דא נארמאל לאכט מען אז אויב קען מען עס אראפנעמען מיט די בפי הזוג איז מסתמא גענוג גרויס אז ס'האט שוין די שיעור.

**ספק-שיעור: לחומרא ביידע וועגן**

**ר' יואל אשר: לפיכך, בבן ובבת נחשוב אותם גדולים להחמיר.** ביי אזא פאל, וועו מ'ווייסט נישט פארזיכער אז ס'האט די פול שיעור לכוף ראשן לעיקרן, מ'ווייסט יא אז מ'קען עס אראפנעמען בפי הזוג, **הואיל וצמחו כדי להינטל בפי הזוג**, גייט מען זיי אן נעמען לחומרא. **ונחשוב אותם קטנים להחמיר**, אבער מ'גייט אויך אן נעמען לחומרא ביידע וועגן. **הואיל ולא הגיעו לכוף ראשן לעיקרן**, אבער למעשה איז די צוויי שערות זענען נישט גענוג לאנג צו קענען מאכן לכוף ראשן לעיקרן, אויך אן נעמען לחומרא.

למשל, איך ווייס אז מ'דארף האבן א פרישע קידושין וועו ס'איז שוין גרויס, אבער מ'דארף האבן א גט לענין צו ווערן מותר לשוק. מ'וועט גיין לחומרא ביידע זייטן.

**ר' יצחק:** און דאס איז דער אזויווי גודל השערות, לאמיר זאגן, דיני גודל השערות. יא, לאמיר שרייבן, גודל.

**דיסקוסיע: פארוואס דארף זיין א שיעור גודל?**

**ר' יואל אשר:** וואס איז פשט? פארוואס דארף זיין בכלל א גודל? איך מיין, פארוואס זאגט מען אויך עפעס שומה אזויווי? און טראכט אז א קליינע האר הייסט נישט האר?

**ר' יצחק:** איך ווייס נישט. דו פרעגסט א גוטע שאלה. אקעי.

**הלכה: מקום השערות**

**ר' יצחק:** יעצט קען מען לערנען וואו די שערות דארפן זיין, יא? א מקום היצט.

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם, **שתי שערות אלו**, וואו? דער רמב"ם האט פריער געזאגט, מקום הידוע. יעצט גייט ער זאגן, **צריכות שיהיו במקום הערוה.** ווי אויף די מקום הערוה? די מקום הערוה איז אויך נישט אזוי שטארק א מקום מסוים. ס'קען זיין אנפאנג ביי די סוף, זאגט דער רמב"ם, **בית הערוה כולו**, סיי ווי אויף די עריה וואס הייסט בית הערוה, **בין למעלה**, סיי אויבן פון די מקום הערוה, **בין למטה, בין על איברי הזרע עצמן**. בית הערוה מיינט ווי ס'וואקסט, ווי די בית הערוה איז אפילו...

**דיסקוסיע: וואס מיינט "בית הערוה"?**

**ר' יצחק:** וואס וואקסט דא? איך ווייס,

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט קיין ווי ס'וואקסט דא. איך וויל נאר וויסן אויב "ערוה" איז די זעלבע זאך ווי "איברי הזרע", אבער ס'זעט אויס אז נישט, איך וויל רעדן איידל. איך ווייס נישט צו ער מיינט די גאנצע "עריע" אויף די גוף,

**ר' יצחק:** און וואו... ניין, געוועגליך, פאלט געוועגליך, די האר וואקסט נישט ממש אויף די איברי הזרע. געוועגליך, די האר וואקסט אביסל אדער "אן טאפ" דערפון אדער פון אונטן דערפון.

**ר' יואל אשר:** איך וועל זאגן, יא,

**ר' יצחק:** ס'איז דא אפילו עפעס על איברי הזרע עצמן, אבער וואו וואקסט די האר? נישט ארום, פון אויבן, פון אונטן,

**ר' יואל אשר:** איך ווייס. יא, נאר איך זאג, בית הערוה, אינעווייניג אין די בויך הייבט זיך אן די סיסטעם פון די...

**ר' יצחק:** ניין,

**ר' יואל אשר:** נישט ס'וואקסט "אינסייד" אין די גוף, אבער איך זאג פון די טבור, יא, רבינו הקדוש לא הניח למטה מטבורו. איך מיין, פון די טבור טוט זיך שוין אינעווייניג אין די גוף, הייבט זיך שוין אן די בית הערוה. יא,

**ר' יצחק:** קען זיין. "למטה מטבורו", "ביי די ווע'", מיינט "ליטעראלי" ס'איז א שיינע וועג פון זאגן די איבר.

**ר' יואל אשר:** נאר מ'הייסט טאקע, פון דארטן הייבט זיך אן די בית הערוה.

**ר' יצחק:** אסאך מאל ס'איז געווען פרומע אידן וואס פלעגן נישט אראפלייגן די הענט, ס'איז פשוט א טעות, ס'איז נישט קיין ערוה טייטש. "למטה מטבורו" איז פשוט א וועג, אזוי ווי מ'זאגט "אנדער די בעלט", ס'מיינט נישט "אנדער די בעלט", ס'מיינט וואס ס'מיינט. בקיצור, אבער די האר איז דארט וואו ס'איז... איך מיין אז וועגן דעם, די פריערדיגע לשון מאכט דארט וואו ס'וואקסט די האר.

**הלכה: תנאים פון די שערות — במקום אחד און גומות**

**די שערות דארפן זיין במקום אחד**

**ר' יואל אשר: וצריכות להיות**, זאגט דער רמב"ם, די צוויי האר דארף זיין **במקום אחד.** דאס הייסט, אויב ס'איז דא אויף איין זייט למעלה און איינס למטה, רעכנט מען עס נישט צוזאם.

**די שערות דארפן האבן גומות**

**ר' יואל אשר:** און נאך א תנאי, **ושיהיה בעיקרן גומות.** די האר האט א גומא וואס אין דעם וואקסט עס, און פון די גומא נעמט עס "נארישמענט" אז

**ר' יצחק:** די האר זאל קענען וואקסן.

**ר' יואל אשר:** אויב האט עס נישט קיין גומות, זעט אויס אז עס איז נישט קיין האר. איך ווייס, איז עס שומא אדער וואס?

זאגט ער, **ואפילו שתיהן בגומא אחת הרי אלו סימן.** געוועגליך, יעדע האר האט זיך זיין אייגענע גומא, זיין אייגענע מקור יניקה. זייער אינטערעסאנט, האר האט א סיסטעם, יעדע האר האט א פלאץ פון וואו ס'וואקסט ארויס.

**ר' יצחק:** גומא מיינט פשוט די...

**ר' יואל אשר:** יא, יא, די קליינע שקעקע.

**ר' יצחק:** מיט א "מייקראסקאופ" דארף מען עס זען. ער ברענגט אז דער שולחן ערוך זאגט אז דער מנהג איז אז מ'טשעקט נישט צו ס'איז דא א גומא. אויב ס'איז לענגערע האר, זאגט מען שוין אז ס'איז כשר.

**צוויי האר פון איין גומא**

**ר' יואל אשר:** זאגט ער ווייטער, **ואפילו שתיהן בגומא אחת**, אפילו אויב ס'איז צוויי האר פון איין גומא,

**ר' יצחק:** זאגט מען נישט אז ס'הייסט איין האר,

**ר' יואל אשר:** נאר **הרי אלו סימן.** אה, ס'איז גענוג, ס'הייסט צוויי. אינטערעסאנט.

**הלכה: גומות אן שערות**

**ר' יואל אשר:** וואס איז אויב ס'איז נאר דא גומות? **נמצאו שתי גומות זו בצד זו ואין בהן שיער הרי אלו סימן.** און דאס איז א סימן פארוואס?

**ר' יצחק:** ווייל ס'איז דא א חזקה אז אין גומא בלא שיער. אויב ס'איז דא א גומא, די גומא איז געמאכט געווארן אז פון דארטן זאל וואקסן א שער. אויב ס'איז דא א גומא, זאגן זיי אז ס'איז דא א שער. **ושערות היו בהן ונשרו**, ס'איז ארויסגעפאלן.

**הלכה ד: שערות וואס זענען געוואקסן פאר'ן צייט — שומה**

**ר' יצחק:** יעצט קען מען עס לערנען אן אינטערעסאנטע דין. מיר האבן דאך פריער געלערנט אז ביי די צוועלף יאר, וועו מ'האט פאר צוועלף יאר אדער פאר דרייצן ביי א זכר, איז עס שומה בעלמא. קומט דאך אויס אז די האר איז נישט כשר. זאגט דער רמב"ם אזוי, קוק וואס דער רמב"ם זאגט אן אינטערעסאנטע הלכה.

**שערות וואס זענען געוואקסן פאר'ן צייט זענען שומה**

**ר' יואל אשר: הבת שהביאה שתי שערות בתוך שנת שתים עשרה** — זי האט געוויזן שתי שערות נאך פאר זי איז אנגעקומען צו די עידזש פון נערות. **והבן שהביא בתוך שלש עשרה** — און מיר האבן געלערנט אז דאס איז נישט קיין סימן, פארוואס? **שהן שומא**, דאס איז נישט קיין עכטע האר.

וואס טוט זיך אז שפעטער איז נישט צוגעוואקסן נייע האר, נאר ביי די דרייצן און א האלב, איך ווייס, ווען מ'קומט שוין די עידזש, מ'וויל טשעקן, זעט מען, אה, יענע האר. איז וואלט א מענטש געקענט זאגן, אה, דאס איז דאך נישט קיין האר, מיר האבן דאך דעמאלטס געזאגט אז ס'איז שומה. ווען האט מען געזאגט אז ס'איז שומה? ווען זי איז געווען א קטנה. איינמאל זי איז א גדולה, איז עס שוין נישט קיין שומה. אינטערעסאנט.

זאגט דער רמב"ם, ניין. **אף על פי שאותן שערות במקומן עומדות אחר שלש עשרה לזכר ואחר שתים עשרה לנקבה אינן סימן.** ניין, ס'איז נישט קיין סימן. פארוואס?

**ר' יצחק:** ווייל ס'איז א שומה.

**נאר ווען מ'האט בודק געווען בתוך הזמן**

**ר' יואל אשר:** ווייל מ'האט שוין דעמאלטס קובע געווען אז ס'איז א שומה. **במה דברים אמורים בשנבדקו בתוך הזמן ונודע שהן שומה. אבל אם לא נבדקו אלא אחר זמן ונמצאו שם שתי שערות** — אבער אויב מ'טרעפט, ווען מ'איז שוין יא די יארן פון גדלות, און מ'טרעפט שתי שערות, וועט דער מענטש זאגן, ניין, אפשר איז דאס שומה. אפשר האט דער מענטש געטראכט, אפשר

**הלכות אישות — דיני גדלות, מנין שנים, ונאמנות האב**

**הלכה: בדיקת סימני גדלות על ידי נשים**

**ר' יואל אשר:** הרי הן בחזקת סימנין ואין אומרין שמא קודם זמן צמחו כדי שיהיו שומא.

**ר' יצחק:** סאו אויב מ'האט שוין געטשעקט, דעמאלטס קען מען נישט נוצן די טענה עס נאכאמאל זאגן עס פון די טענה, ס'ווערט מעגיק.

**ר' יואל אשר:** ס'ווערט נישט מעגיק. אבער אויב מ'האט פריער געזאגט די טריק פון אז ס'איז נושרי, פארוואס זאל מען נישט זאגן די איז נושרי? ס'איז געקומען נייע, איך ווייס נישט, ס'זעט אויס אז ס'איז דא א שיעור.

**ר' יצחק:** וויפיל מ'קען מאכן פשעטלעך. וואס? אויב ס'האט מער סימנים, זאגסטו אז הוי ונושרי, אבער נישט סתם אזוי.

**נאמנות נשים כשרות לבדיקה**

**ר' יואל אשר:** **כשבודקין הבת**, ווען מ'וויל בודק זיין הבת, זאל מען וויסן די הלכות. ס'הייסט הנער ראה לגבי קידושין, בין בתוך הזמן שהוא כל שנת שתים עשרה בין קודם זמן זה בין לאחריו. ווער איז נאמן אויף דעם? מ'דארף דאך האבן געווענליך, ס'דארף זיין א איש נאמן.

זאגט דער רמב"ם, **בודקין על פי נשים כשרות ונאמנות.** ס'איז נישט קיין דרך ארץ, ס'איז נישט קיין שיינע זאך אז א מאן זאל בודק זיין. חכמים האבן געגעבן נאמנות פאר א אשה כשרה, א אשה כשרה ונאמנות.

**ר' יצחק:** ס'איז באגלייכט, ס'איז דא דזשאבעס צו דאס טון. אקעי.

**ר' יואל אשר:** **ואפילו אשה אחת בודקת**, ס'דארף ניטאמאל זיין קיין צוויי עדים. **ושומעין ממנה אם הביאה אם לא הביאה.**

**ר' יצחק:** אפילו איין פרוי קען מאכן בדיקה. אינטערעסאנט, דאס גייט פאר מער זאכן.

**דיסקוסיע: פארוואס איז איין עד גענוג?**

**ר' יואל אשר:** יא. אקעי, דא... איך געס, דא דארף מען נישט קיין פולע עדות, ווייל ס'איז עפעס א זאך וואס מיט די צייט גייט עס עניוועי ווערן קלאר. יא?

**ר' יצחק:** סאו אזא... פארוואס? אה, אזוי שטייט. דער רמב"ן זאגט אזוי ווי דו זאגסט, אז דו מילסט נאבידלגלי, וועט מען נישט זאגן קיין ליגנט.

**ר' יואל אשר:** אקעי. אבער איך מיין, דער רמב"ם מיינט דא אויך צו זאגן אז קיינער זאל זיך נישט מורא היתר זיין צו זיין יד הממשמש בנשים, ווייל... ווייל ער דארף יעצט מברר זיין הלכות. פארוואס זאלן זיי עס טון? יא, ווייל ער ברענגט די גמרא'ס. די גמרא זאגט אז

**ר' יצחק:** מ'האט מכבד געווען נשים מיט דעם.

**ר' יואל אשר:** ס'איז נישט קיין תירוץ.

**הלכה: מנין השנים — שנים של סדר העיבור**

**ר' יואל אשר:** יא, זאגט דער רמב"ם ווייטער. יעצט זאגט דער רמב"ם אזוי: מ'האט דא א גאנצע צייט גערעכנט יארן. וואס מיינט יארן? יארן מיינט צוועלף חדשים? יארן מיינט דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג? למשל, דאס יאר וואס מיר זענען יעצט אריין, תשפ"ז, האט עפעס דריי הונדערט און פינף און אכציג טעג אויב איך געדענק. סאו וואס טייטש א יאר?

זאגט דער רמב"ם אזוי: **"כל השנים האמורות בבן ובבת"**, און די זעלבע זאך זאגט ער ווען ביי ערכין. אויב א מענטש מאכט אן ערכין — ערכין מיינט, ווער ס'געדענקט נישט — אויב איינער זאגט איך גיי געבן די ווערט פון די און די בהמה וואס איז די און די עידזש פאר הקדש, דארף מען יענס וויסן, א מענטש אדער א בהמה, דארף מען וויסן וואס איז די עידזש.

זאגט ער, א בהמה וואס איז אלט דריי יאר, וויאזוי רעכנט מען די יארן? זאגט דער רמב"ם **"אינן לא שני הלבנה ולא שני החמה"**. מ'זאגט נישט אז די שנות החמה איז דריי הונדערט פינף און זעכציג, און שנות הלבנה איז

**ר' יצחק:** דריי הונדערט פיר און פופציג בערך.

**ר' יואל אשר:** זאגט מען נישט אז צען יאר מיינט צען מאל דריי הונדערט פופציג אדער צען מאל דריי הונדערט פינף און זעכציג, נאר ס'מיינט יארן וואס זענען עכט אדורכגעגאנגען מיט אונזער לוח, **"אלא שנים של סדר העיבור שהן פשוטות ומעוברות כמו שבית דין קובעין אותם כמו שביארנו בהלכות קידוש החודש ובאותן השנים מונין לכל דברי הדת".**

סיי וועלכע זאך וואס איז נוגע לענין דברי הדת. ס'מיינט צו זאגן, אויב איינער האט געמאכט א נדר פון אזויפיל טעג, וועט מען רעכענען טעג. אבער ווען מ'זאגט יארן, ענייטינג וואס איז אן ענין פון דת,

**ר' יצחק:** וועט מען זאגן יארן.

**ר' יואל אשר:** וואטעווער דער בית דין זאגט איז א יאר. איין יאר איז געווען א עיבור יאר, איין יאר איז געווען נישט א עיבור יאר. יא. רבותי, **"ובאותן השנים מונין לכל דברי הדת".** ס'איז דא א גרויסע חידוש, אבער א מענטש וואלט געקענט זאגן אז אויב איז עס א געוויסע אמאונט פון טעג

**ר' יצחק:** וואס א מענטש האט געלעבט.

**ר' יואל אשר:** כאפסטו נישט אזוי, נאר מ'האט עס קובע געווען מיט...

**ר' יצחק:** יא, יא. מ'דארף שוין נישט מאכן קיין... לכאורה תירוץ, אזוי גייט עס.

**ר' יואל אשר:** אזוי גייט עס. אויף דעם איז דא דער ירושלמי פון "ראה אל גומר עלי".

**ר' יצחק:** יא, אבער מ'דארף שוין קומען צו דעם, אזוי גייט עס, אזוי גייט עס. יא. אקעי.

**הלכה: אין סומכין על הנשים במנין השנים**

**ר' יצחק:** יעצט, אבער לגבי דעם איז א פראבלעם. דאס הייסט, לגבי די שערות האט מען געזאגט אז מ'קען זיך פארלאזן.

**ר' יואל אשר:** מ'האט געמאכט א ספעציעלע הלכה אז לגבי שערות גייט מען זיך פארלאזן אויף פרויען. ס'קען זיין פאר צוויי סיבות: איינס, ווייל ס'איז נישט קיין דרך ארץ אז מ'זאל מאכן מענער זאלן טשעקן פרויען, און ס'איז א מילתא דעבידא לגלויי. וואלט געקענט זיין אז ס'איז ביידע.

אבער מה שאין כן אויף יארן, דאס הייסט, איינער זאגט אז די און די פרוי איז צוועלף און א האלב יאר, פון וואו ווייס איך? דארף מען וויסן פון א גדול וואס געדענקט ווען זי איז געבוירן געווארן אדער אזא סארט זאך. **"אין סומכין על הנשים במנין השנים"** — מ'פארלאזט זיך נישט אויף נשים, ווייל דאס איז שוין אן ענין פון עדות, וואס אויף דעם דארף מען האבן עדים כשרים.

**ר' יצחק: "ולא על הקרובים"** – און נישט אויף קרובים.

**ר' יואל אשר:** ווייל קרובים זענען קרוב לדבר, **"אלא על פי שני עדים כשרים להעיד"** –

**ר' יצחק:** מ'דארף האבן צוויי כשר'ע עדים וואס זאלן מעיד זיין.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "עדים כשרים להעיד" לגבי עלטער?**

**ר' יואל אשר:** איך ווייס נישט פונקטליך וואס דאס מיינט. מ'דארף צוויי מענטשן וואס געדענקען ווען זי איז געבוירן געווארן און זיי האבן זיך געמאכט א נאוט?

**ר' יצחק:** לכאורה, וואס איז די פראבלעם?

**ר' יואל אשר:** ס'איז אביסל א מאדנע זאך, ווייל אונז אלע ווייסן אויף מענטשן וועלכע עידזש זיי זענען, און ס'איז נישטא קיין דין עדות. איך ווייס אז דו ביסט אין דיינע... דו גלייבסט מיר, איך האב דאך געזאגט. דיינע גדלות'דיגע יארן. ווען איך וואלט דיר

**ר' יצחק:** געזאגט אז איך בין פינף און צוואנציג.

**ר' יואל אשר:** וואלסטו מיך געקענט גלייבן אויך. אדער אויב איך וואלט געזאגט אז איך בין פינף און צוואנציג,

**ר' יצחק:** וואלסטו מיך אויך געגלייבט.

**ר' יואל אשר:** ניין, אבער וואס מ'מיינט דאס? עדות געווענליך איז ער געדענקט עפעס.

**ר' יצחק:** איינער געדענקט אז... אה, איך געדענק ער איז געבוירן געווארן צוועלף יאר צוריק. איך צייל, איך צייל אין מיינע יארן. אונז האבן דאך אידן האבן א מנהג צו אויפשרייבן אין בעק פון א ספר, יענעם טאג איז מיין קינד געבוירן. א האנט, דו ביסט אונזער... לעבן אין אן אנדערע סארט וועלט, ווייל ס'שטייט בירטה סערטיפיקעטס אזעלכע זאכן.

וויאזוי מ'ווייסט אמת'דיג ווען א מענטש איז געבוירן? געדענקט, דער חבר פלוני, דארף נישט קיין סימן. ער זאגט מעיד אז י"ג חשון תשצ"ז איז יענער געבוירן. וואס איז די פראבלעם? יא, געדענקט, יעדע עדות דארף געדענקען.

**ר' יואל אשר:** ער דארף נישט אפשרייבן גארנישט. אונז זענען צוגעוואוינט, מ'דארף נישט אפשרייבן. ער דארף געדענקען וועלכע טאג יענער איז געבוירן, וועלכע יאר. יא, אקעי, איך הער ס'איז עפעס אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל אויב איינער געדענקט געווענליך די עידזש איז די מאמע פון די קינד און די קרובים, ווייסטו, וואס איז די קרובים אויף פעמילי.

**ר' יצחק:** מיר ווייסן דאך אז א בחור איז געווארן דרייצן.

**ר' יואל אשר:** ווייל זיין מאמע מיט זיינע ברידער, זי האלבען קאפ. פארוואס די עידזש דארף... דו זאלסט זאגן אז געטס איז אכט און א האלב, געטס איז אכט און א דריי פערטל. אקעי, נישט די פראבלעם.

**ר' יצחק:** ס'איז מיר, מיר זעט אויס אז ס'איז אזא דבר'שע... ס'איז אזא מילתא דעבידא לאיגלויי, ס'איז א פאבליק זאך. וויאזוי איז דא עבידא לאיגלויי? איך קען דיר קומען מארגן זאגן פון דריי... דריי און פערציג.

**ר' יואל אשר:** טו מיר א טובה. ניין, דו ביסט גערעכט. די אידן האבן געהאט א כלל, ווען ס'איז געווען צרות פלעגט מען מוזן זאגן ליגנט. אזוויי איך האב אינטערוויו'ט אסאך אידן וואס זענען דורכגעגאנגען די האלאקאוסט, און יעדער איינער... זיי האבן נישט געוואוסט פונקטליך וואס מ'דארף זאגן ליגנט, באט מ'דארף זאגן ליגנט. אז דו ביסט זיבעצן, זאג אז דו ביסט אדער זעכצן אדער אכצן. זאג נישט אז דו ביסט זיבעצן.

**ר' יצחק:** אבער היינט, אונז זענען צוגעוואוינט היינט אז אלעס איז אפגעשריבן, מ'ווייסט פונקטליך, באט ס'איז נישט געווען אמאל אזוי. אפשר היינט קען מען זיך רעלייען אויף דעם.

**ר' יואל אשר:** ניין, וואס איך מיין צו זאגן, "עדים כשרים להעיד" מיינט אזוויי דו זאגסט, אז זיי דארפן טאקע געדענקען דעם טאג וואס ער איז געבוירן?

**ר' יצחק:** אדער "עדים כשרים".

**ר' יואל אשר:** וואס דו ווייסט אז איך קען אים שוין יארן און ער קען נישט זיין דרייצן. וויאזוי קענסטו וויסן? ווייל איך זע אים שוין אין שול פאר די לעצטע צען יאר און...

**ר' יצחק:** ער דארף געדענקען ווען ער איז געבוירן. איך מיין, ס'איז פשוט. איך פארשטיי נישט די שאלה. מ'רעדט דאך לגבי מ'גייט אים הרג'ענען, דו ווילסט נישט וויסן זיכער אז ער איז טאקע דרייצן?

**הלכה: נאמנות האב לקרבן ולנדרים, אבל לא למכות ולענשין**

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"האב שאמר"**, וואס טוט זיך אז א טאטע האט געזאגט אזוי, **"בני זה בן תשע שנים ויום אחד"** אדער **"בתי זו בת שלש שנים ויום אחד"**? **"נאמן"** – ער איז נאמן **"לקרבן"**. וואס הייסט, ווען ברענגט מען א קרבן בעיסד אויף עידזש?

**ר' יצחק:** למשל, אז איינער האט געטון מיט אן ערוה.

**ר' יואל אשר:** דארף ער ברענגען א קרבן. א בת אונטער שלש הייסט נישט קיין ביאה, העכער שלש הייסט שוין א ביאה למשל. דער וואס האט איר בועל געווען דארף ברענגען א קרבן. **"אבל לא למכות ולא לענשין"** – אבער צו געבן אן עונש פאר דעם מענטש, דארף זיין א מער קלארע נאמנות. א קרוב איז נישט נאמן אויף אזא פאל. לענין קרבן יא.

**ר' יצחק:** דאס איז די ווארט.

**ר' יואל אשר:** כאילו קרבן הייסט עס אירם. לענין עונשין זוכט מען דאך **"ועמדו שני האנשים"**, וועט מען נישט אננעמען די...

**ר' יצחק:** מ'דארף צוויי עדים אויף יעדע זאך, ס'איז נישט דא קיין זאך אז א טאטע איז נאמן.

**ר' יואל אשר:** ווייטער, די זעלבע זאך, **"בני זה בן שלש עשרה שנה ויום אחד"** אדער **"בתי זו בת שתים עשרה שנה ויום אחד"**, איז אזוי, **"נאמן לנדרים"** – דאס הייסט, מופלא הסמוך לאיש קען שוין מאכן א נדר אפילו ער איז נאך נישט א גדול, און די זעלבע זאך א מיידל – **"ולערכים"**, אויב מ'האט געזאגט "ערך בן זה עלי", **"ולחרמין ולהקדשות"** – דאס הייסט, אויב די קינד האט געמאכט א הקדש.

**ר' יצחק:** איך מיין אויך מ'קען זאגן, מ'געבט ביי אזוויי ווער איז ווערד, נישט ערך איז ערך לפי הכתוב בתורה, און חרמים והקדשות.

**ר' יואל אשר:** ניין, ער זאגט חרמים והקדשות, אז דער קינד קען שוין מחריב זיין אדער מקדיש זיין זאכן. דארף מען וויסן פונקטליך די גדר, ווייל אויב איז ער א קטן, איז דער מה שקנה, איז דער טאטע קונה. אה, אויב דער טאטע זאגט אז ער איז שוין דרייצן אין א טאג, מילא איז שוין דער טאטע נישט קונה פון אים. וואס?

**ר' יצחק:** ווערטער געזאגט. אקעי.

**ר' יואל אשר:** נא, אקעי, אפשר וועלן מיר לערנען שפעטער ווי ס'שטייט אז דער טאטע האט אראפ די אחריות פאר די געלט. איי דעם נאר. ווי מציאות און מעשי און דעם, נישט אויף א קטן.

**ר' יצחק:** קען זיין אז ביי א קינד קען האבן געלט.

**ר' יואל אשר:** אקעי. **אבל לא למכות ולא לענשין**, די זעלבע זאך. לענין צו געבן די קינד מכות פאר די עונשין, דארף זיין עלטער. ביי וועלכע פאל געבט מען מכות און עונשין? אה, יא, נאכאמאל.

**ר' יצחק:** בעני וואלט. אויב ער איז צוועלף, קומט די מלכות. נישט צוועלף, דרייצן. אויב ער איז נישט דרייצן, אדער זי איז צוועלף, באקומט ער נישט קיין עונש. ס'איז דאך א קטן.

**ר' יואל אשר:** יא. שוין.

**הלכה: טומטום ואנדרוגינוס**

**ר' יואל אשר:** און יעצט גייען מיר אונז לערנען די סוגיא וואס דער מחשב חינוך האט אזוי ליב געהאט, די סוגיא פון טומטום און די אנדרוגינוס.

**ר' יצחק:** זייער פשוט, נאר די צוויי סעיפים וועגן דעם.

**ר׳ יואל אשר:** יא, זאגט דער רמב"ם אזוי, **מי שיש לו איברי זכרות ואיברי נקבות, הוא הנקרא אנדרוגינוס.**

**ר׳ יצחק:** אזוי הייסט ער.

**ר׳ יואל אשר:** יא, אונז לערנען די וואך, בצלם אלקינו ברא אותו זכר ונקבה, ברא אותה לכל, כל הפחות לויט אסאך מפרשים, מיטביידע. והוא, וואס מיינט דאס אנדערע אנדרוגינוס? **ספק אם זכר אם נקבה.** ס'איז א ספק צו וועלכע איידענעם רעכנט מען, וועלכע זענען די מער

**הלכות אישות פרק ב — אנדרוגינוס, טומטום, חרש ופיקח; סיכום עשרים השמות**

**הלכה ב:כד-כה — אנדרוגינוס וטומטום**

**ר׳ יצחק:** יעצט גייט ער עס מגדיר זיין.

**ר׳ יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם אזוי: **"מי שיש לו איברי זכרות ואיברי נקבות"**, ער האט ביידע,

**ר׳ יצחק:** **"הוא הנקרא אנדרגינס"**. אקעי, גוט, אזוי הייסט ער.

**ר׳ יואל אשר:** אונז לערנען די וואך "בצלם אלקים ברא אותו זכר ונקבה ברא אותם", לכל הפחות לויט אסאך מפרשים,

**ר׳ יצחק:** מיט ביידע. **"והוא"**,

**ר׳ יואל אשר:** וואס מיינט דאס אנדרוגינוס? **"ספק אם זכר אם נקבה"**. ס'איז א ספק צו וועלכע אברים רעכנט מען, וועלכע זענען די מער דאמינענט.

**ר׳ יצחק:** ס'איז א ספק וויאזוי מ'רעכנט אים,

**ר׳ יואל אשר:** וויאזוי מ'איז אים מגדיר.

**ר׳ יצחק:** דו וועסט אים זאגן אזוי, ער איז א ברייה לשל עצמו.

**ר׳ יואל אשר:** און ער בלייבט אייביג מיט די זעלבע ספק. **"ואין לו סימן שייודע בו אם הוא זכר ודאי או נקבה ודאית לעולם"**. ס'איז נישט פשט אז ביי א געוויסע פוינט וועט מען וויסן וועלכע מ'רעכנט און וועלכע נישט.

**ר׳ יצחק:** ס'איז כאילו א ספק אין הלכה אדער

**ר׳ יואל אשר:** א ספק אין מציאות. **"ומי שאין לו לא זכרות ולא נקבות אלא אטום"**, ער איז צוגעמאכט, און יענע עריע האט זיך נישט געעפנט, ס'איז צוגעדעקט אלעס מיט הויט. אונז ווייסן נישט וואס טוט

**ר׳ יצחק:** זיך אונטער די הויט.

**ר׳ יואל אשר:** **"הוא הנקרא טומטום"**.

**דיסקוסיע: עטימאלאגיע פון אנדרוגינוס און טומטום**

**ר׳ יצחק:** די שורש פון די צוויי ווערטער? די ווארט אנדרוגינוס איז א יוונישע ווארט.

**ר׳ יואל אשר:** יא, ס'איז טאקע אין ענגליש זאגט מען אויך די ווארט "אנדראדזשינעס".

**ר׳ יצחק:** אנדרא מיינט מענטש, עפעס אזוי, בקיצור, אנדרוגינוס אויף יווניש. און טומטום איז פשוט א טומטום,

**ר׳ יואל אשר:** א מטומטם,

**ר׳ יצחק:** אזוויווי ווען ס'איז טמטום הלב,

**ר׳ יואל אשר:** א לשון פון פארשטאפט.

**חילוק צווישן ספק אנדרוגינוס און ספק טומטום**

**ר׳ יואל אשר:** **"וגם הוא ספק"**. אבער ס'איז אן אנדערע מין ספק. ס'איז א ספק ווייל אונז האבן נאכנישט געקענט מברר זיין די מציאות. נישט א ספק וואס מ'קען נישט מברר זיין,

**ר׳ יצחק:** נאר אונז האבן נישט די כלים.

**ר׳ יואל אשר:** ממילא, **"ואם נקרע הטומטום ונמצא זכר הרי הוא כזכר ודאי"**, זאגט מען זיכער אז ער איז געווען א זכר. **"ואם נמצא נקבה הרי הוא נקבה"**. אויך למפרע, לכאורה אויך למפרע, איך מיין אויב ס'איז נוגע.

**הלכה ב:כו — טומטום ואנדרוגינוס: גיל פון גדלות**

**ר׳ יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם: **"וטומטום ואנדרגינס שהיו בן שתים עשרה שנה ויום אחד"**,

**ר׳ יצחק:** ביידע פון זיי,

**ר׳ יואל אשר:** נאר צוועלף, אינטערעסאנט. צוועלף און א טאג, **"הרי הן בחזקת גדולים"**. מ'נעמט אן לחומרא אז אפשר איז ער א פרוי, איז א פרוי ווערט דאך שוין א גדולה פון צוועלף.

**ר׳ יצחק:** אינטערעסאנט.

**השגת הראב"ד: פארוואס נישט טשעקן סימנים?**

**ר׳ יצחק:** דער ראב"ד דינגט זיך, דער ראב"ד פארשטייט נישט. דער ראב"ד זאגט, פארוואס איז א חזקת גדולה? זאל מען טשעקן, ס'דארף זיין סימנים. א טומטום ואנדרוגינוס קען דאך האבן סימנים,

**ר׳ יואל אשר:** ס'קען דאך זיין שערות.

**ר׳ יצחק:** אקעי. דיין ווידעא איז אוועקגעלאפן, פארוואס? איך ווייס נישט. ווייטער,

**ר׳ יואל אשר:** די ווידעא איז געווארן א מינוט און צען סעקונדס.

**ר׳ יצחק:** אה, טומטום ואנדרוגינוס איז אנגעקומען די עידזש פון שתים עשרה שנה ויום אחד, הרי הן בחזקת גדולים. רייט.

**ר׳ יואל אשר:** זאגט ער, און דאס איז ווען מ'דערמאנט טומטום ואנדרוגינוס אין כל התורה כולה,

**ר׳ יצחק:** רעדט מען פון דעם. אוודאי. בכל מקום. אה, שוין טאקע וועגן דעם דערמאנט ער עס, ווייל ער האט שוין גערעדט וועגן טומטום פריער אין הלכות לולב, הלכות סוכה, וואטעווער.

**ר׳ יואל אשר:** יא. זאגט דער רמב"ם ווייטער.

**ר׳ יצחק:** און דאס איז וואס מיר האבן עס געלערנט.

**הלכה ב:כז — חרש וחרשת, פיקח ופיקחת**

**ר׳ יואל אשר:** ער האט געענדיגט אויסרעכענען די גדרים פון קטן, גדול, נערה, בוגרת, און טומטום ואנדרוגינוס. גייט ער אן נאך זאכן, וואס טייטש א בר דעת? ווער איז א חרש שוטה וקטן? **חרש וחרשת האמורין בכל מקום**, איינער וואס איז טויב, אדער א מאן אדער א פרוי וואס איז טויב, האמורין בכל מקום, חרש... דער רמב"ם דארף טייטשן אזוי:

**ר׳ יצחק:** די ווארט חרש לגבי די

**ר׳ יואל אשר:** הלכה וואס מ'זאגט אייביג אז חרש שוטה וקטן איז פטור פון מצוות וכדומה, וואס מיינט דאס? **איז אילמים שאין שומעין ואין מדברין**, איינער וואס איז אינגאנצן שטום,

**ר׳ יצחק:** ער קען נישט הערן,

**ר׳ יואל אשר:** ער קען נישט ארויסגעבן קיין קול,

**ר׳ יצחק:** און ער קען נישט ארויסגעבן א קול, ווייל זיי זענען בגדר שוטה, ווייל זיי קענען גארנישט לערנען.

**ר׳ יואל אשר:** **אבל מי שמדבר ואינו שומע**, ער קען יא רעדן, **אדער** ער קען יא הערן, **הרי הוא ככל אדם.**

**ר׳ יצחק:** דאס הייסט, מ'דארף זיין נישט...

**ר׳ יואל אשר:** איך מיין ער קען נישט קאמיוניקעיטן. איך מיין אז די פוסקים זאגן אז היינטיגע צייטן וואס ס'איז דא סיסטעמס פון לערנען מיט חרשים דורך סימנים וכדומה, האט זיך געטוישט די הלכה לגבי חרש. **ואיש ואשה שהן שלמים בדעתן**,

**ר׳ יצחק:** דאס הייסט, וואס איז די... סאו, חרש איז א קראנקער. וואס איז די נארמאלע?

**ר׳ יואל אשר:** איינער וואס איז שלם בדעתו, **ואינן לא חרשין ולא שוטים, נקראין פיקח ופיקחת.**

**דיסקוסיע: וואס מיינט "פיקח"?**

**ר' יצחק:** פיקח מיינט א קלארער, א קלוגער, נישט ממש קלוג, יא, פיקח פון... אה, דאס מיינט אז פיקח אין די גמרא מיינט נישט א חכם. פיקח מיינט... אדער פיקחת מיינט א...

**ר' יואל אשר:** א נישט חרש.

**ר' יצחק:** א ניכטערן, ווי מ'זאגט.

**סיום פרק ב — סיכום עשרים השמות**

**ר' יצחק:** זאגט דער רמב"ם, ער ווערט דא פארטיג:

**ר' יואל אשר:** **"שים כל השמות האלו לעומתך תמיד"**, שויתי ה' לנגדי תמיד. די ווערטער, שמות מיינט ווערטער, יא. **"לעומתך תמיד, ואל ילוזו מעיניך כל עניניהם"**,

**ר' יצחק:** ס'זאל נישט אוועקגיין. לוזו איז א לשון פון וואס? נעלם ווערן? נלז,

**ר' יואל אשר:** נלז איז ווי אפגערוקט. נלז מיינט אפגערוקט. **"ונלז מפני הירח"** האבן מיר געלערנט אין קידוש החודש, צוריק אפגערוקט. **"בני אל ילוזו מעיניך"**, ס'איז א לשון הפסוק, "בני אל ילוזו מעיניך". **כדי שלא נהיה צריכין לבאר ענין כל שם מהן בכל מקום שנזכור אותו"** - כדי אונז זאלן מיר נישט דארפן לבאר ענין כל שם מהן בכל מקום שנזכור אותו. און שפעטער אין די הלכות וועלן מיר דערמאנען מערערע מאל "קטנה", "נערה", און אזוי ווייטער, וועסטו טשעקן אין די סימנים.

**ר' יצחק:** זייער גוט. מ'זאל נישט דארפן יעדע מאל דערמאנען, דער רמב"ם זאל נישט דארפן יעדע מאל מסביר זיין "גדולה דהיינו...".

**אויסרעכענונג פון די עשרים שמות**

**ר' יואל אשר:** זייער גוט. דער רמב"ם האט געזאגט אזוויי א פתיחה, ער רעדט ווי א מגיד שיעור. די לעצטע שטיקל איז ממש ווי א מגיד שיעור. בחורים, איר זאלט א גאנצע זמן געדענקען.

**ר' יצחק:** דאס קען זיין אויפ'ן טעסט. וואס איז א בוגרת? אונז גייען מאכן א טעסט? דאס איז די זאך. וואס איז א בוגרת? וואס איז א קטנה? מיט אלע זאכן.

**ר' יואל אשר:** מיט דעם האט זיך געענדיגט די ערשטע צוויי פרקים, און יעצט גייט מען קענען גרינגער לערנען די איבריגע פרקים, ווייל אונז ווייסן שוין די שם דבר פון די אלע זאכן.

**ר' יצחק:** זאגט דער רמב"ם, **נמצא,**

**ר' יואל אשר:** קומט אויס... **נמצאו**, זאגט דער רמב"ם, וויפיל מיני זאכן האבן מיר דא אויסגערעכנט? ס'איז אן אינטערעסאנטע, ער מאכט דערפון אזא גלאסערי. **כל השמות שביארנו ענינם בשני פרקים אלו עשרים שמות.** צוואנציג מיני ווערטער האבן מיר אונז דא גערעדט אין די ערשטע צוויי פרקים, און אזוי וועסטו אייביג געדענקען. **ואלו הן: קידושין** - דער רמב"ם האט אויסגערעכנט וואס מיינט קידושין. און דער רמב"ם האט אויסגערעכנט וואס מיינט קידושין.

**ר' יצחק:** דער קרן מיינט אז ער זאגט וואס איז א מקודשת?

**ר' יואל אשר:** אזוי ווי געזאגט, איינע פון די דריי זאכן, כסף שטר ביאה. **ערוה**? ווער ס'איז ערוה האט ער אויסגערעכנט ערוה? ערוה מדאורייתא, ערוה מדרבנן, עריות...

**ר' יצחק:** איין מינוט, יעצט קען מען זאגן,

**ר' יואל אשר:** ערוה מדאורייתא, יא, ס'איז עריות כרת, עריות קרובי משפחה. **שניה**, וואס זענען די דרבנן'דיגע עריות, וואס ער האט אויסגערעכנט בת בת בתו וכדומה. **איסורי לאוין**, וואס זענען זאכן וואס זענען נאר אסור בלאו, אזוי ווי אלמנה לכהן גדול, למשל, וואס ער האט געזאגט אויך ווערט גערופן איסורי קדושה, יא.

**ר' יצחק: ואיסורי עשה**, ניין, איסורי עשה הייסט עס,

**ר' יואל אשר:** "לא יקח". יא,

**ר' יצחק:** אקעי.

**ר' יואל אשר:** דער רמב"ם מאכט עס דא מער בקיצור, ער לייגט עס אריין אלע אין איינס. דאס איז געווען די ערשטע פרק. און אין דעם פרק איז געווען **קטנה, נערה, בוגרת, אילונית**, און האבן מיר געהאט **גדולה**. ער רעכנט ארויס גדולה עקסטער ווי בוגרת,

**ר' יצחק:** ווייס איך נישט, ווייל בוגרת און גדולה איז די זעלבע זאך. אקעי, אגעין, די ווארט איז נישט די זעלבע זאך. עס טרעפט זיך אין די גמרא די ווארט, אדער אין די רמב"ם, די ווארט גדולה. גדולה מיינט... ניין, גדולה קען מיינען אויך א נערה.

**ר' יואל אשר:** נערה, בוגרת, און אילונית,

**ר' יצחק:** דער רמב"ם זאגט אלע הייסן גדולה.

**ר' יואל אשר:** נאכדעם איז געווען **סימן התחתון, סימן העליון, קטן,**

**ר' יצחק: סריס חמה, סריס אדם, גדול, אנדרגינס, טומטום, חרשים**, און **פיקחין**. ביי די לעצטע צוויי גייט ער צו לשון רבים, ווייס איך נישט,

**ר' יצחק:** חרשים און פיקחים. ער האט פריער אויך געזאגט, ביי די וועי. ניין, חרש וחרשת? טאקע אינטערעסאנט.

**ר' יואל אשר:** זאגט דער רמב"ם, פירט דער רמב"ם אויס, אה,

**ר' יצחק:** ווייל ער צעטיילט קטן און קטנה, און ביי חרשים און פיקחים מאכט ער נישט עקסטער.

**ר' יואל אשר:** ער זאגט נישט חרש וחרשת און פיקח ופיקחת, ווייל ס'איז נישטא קיין חילוק להלכה. יא, נישט וועגן דעם.

**דער רמב"ם'ס אנווייזונג: געדענק די עשרים שמות**

**ר' יצחק:** זאגט דער רמב"ם, ער ווערט דא פארטיג:

**ר' יואל אשר:** **"שים כל השמות האלו לעומתך תמיד", שויתי ה' לנגדי תמיד. די ווערטער, שמות מיינט ווערטער, יא. "לעומתך תמיד, ואל ילוזו מעיניך כל עניניהם",**

**ר' יצחק:** ס'זאל נישט אוועקגיין. לוזו איז א לשון פון וואס? נעלם ווערן? נלז,

**ר' יואל אשר:** נלז איז ווי אפגערוקט. נלז מיינט אפגערוקט. "ונלז מפני הירח" האבן מיר געלערנט אין קידוש החודש, צוריק אפגערוקט. "בני אל ילוזו מעיניך", ס'איז א לשון הפסוק, "בני אל ילוזו מעיניך". **כדי שלא נהיה צריכין לבאר ענין כל שם מהן בכל מקום שנזכור אותו"** - כדי אונז זאלן מיר נישט דארפן לבאר ענין כל שם מהן בכל מקום שנזכור אותו. און שפעטער אין די הלכות וועלן מיר דערמאנען מערערע מאל "קטנה", "נערה", און אזוי ווייטער, וועסטו טשעקן אין די סימנים.

**ר' יצחק:** זייער גוט. מ'זאל נישט דארפן יעדע מאל דערמאנען, דער רמב"ם זאל נישט דארפן יעדע מאל מסביר זיין "גדולה דהיינו...".

**ר' יואל אשר:** זייער גוט. דער רמב"ם האט געזאגט אזוויי א פתיחה, ער רעדט ווי א מגיד שיעור. די לעצטע שטיקל איז ממש ווי א מגיד שיעור. בחורים, איר זאלט א גאנצע זמן געדענקען.

**ר' יצחק:** דאס קען זיין אויפ'ן טעסט. וואס איז א בוגרת? אונז גייען מאכן א טעסט? דאס איז די זאך. וואס איז א בוגרת? וואס איז א קטנה? מיט אלע זאכן.

**ר' יואל אשר:** מיט דעם האט זיך געענדיגט די ערשטע צוויי פרקים, און יעצט גייט מען קענען גרינגער לערנען די איבריגע פרקים, ווייל אונז ווייסן שוין די שם דבר פון די אלע זאכן.